RADOMER KIELCER LEBEN № 1 (89) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאהרגאנג 25 גראשען דריטע יאהרגאנג

היינט 10 זייטען.

אדרעסען
פון „ראדאמער קעלצער לעבען“

אין ראדאם
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ.
Redakcja i Administracja
„Radomer Kielcer Leben“
Kielce, Staro-Warszawska 33.

אנאנסען פרייז:
אין מילימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 20 גר.
„ 40 „ אין „ „ „
„ 13 „ נאכ׳ן „ „ „

# ראדאמער-קעלצער לעבען

ראדאם פרייטאג ט״ו טבת תרפ״ו

פאר׳ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פאראנטווארטליך

1-go stycznia 1926 roku

## מזל טוב

אונזער געעהרטען און חשוב׳ען חבר משה פעלדמאן צו דער חתונה פון זיין טאכטער חנה׳לע מיט ה׳ יצחק לענגער וואונשען מיר א חבר׳ישען מזל טוב זאל ער פון זיי נחת דערלעבען.

די פערוואלטונג
ביים האנדווערקער-קלוב

## מזל טוב

אונזער געעהרטען און חשוב׳ען פער־וואלטונג׳ס-מיטגליעד ה׳ משה פעלד-מאן צו דער חתונה פון זיין טאכ-טער חנה׳לע מיט ה׳ יצחק לענגער וואונשען א הערצליכען מזל טוב און אייביגען נחת.

דער ראט און פערוואלטונג
פון דער קאאפעראטיווער האנד-ווערקער-באנק.

צו דער חתונה פון פרל׳ חנה׳לע פעלדמאן מיט ה׳ יצחק לענגער, וואס קומט פאר דעם 1/2 1926 אין ראדאם. וואונשען מיר א הערצליכען מזל טוב און א גליקליכע צוקונפט, זייער נייער לעבנס-וועג זאל מיט בלומען בעצירט זיין.

די קולטור-קאמיסיע ביים
האנדווערקער-קלוב אין ראדאם.

צו דער חתונה פון מיין ליבע קוזינקע אסתר ליפשיץ מיט דעם צוקונפטיגען קוזין מאריץ האטקין וועלכע ס׳איז פארגעקומען דעם 24 דעצעמבער 1925. אין בראקלין (אמעריקע) ווינש איך זיי גליק אין מזל, איך שיק זיי אפ מיין דרשה געשאנק רייכטום און גליקליך צוזאמענלע-בען. גלייכצייטיג ווינש איך דעם ליבען פעטער און מומע אין ראדאם אז זיי זאלען האבען נחת און פרייד פון יונגען פארל.

דער קוזין לייזער עם פרוי דובראווסקי.

## טעאטער „ראזמאיטאשטשי“ ראדאם.

פעראייניגטע טרופע פון יודישען ארטיסטען-פעראיין אין ווארשא.

מיט׳ן אנסייל פרויען: ביאלקאוויטש, לובארטאווסקא, צאהם, אידא ראזענצווייג, שפילמאן. מענער: ביאלקאוויטש, בלאט, ווינער, וויינבערג, פעלד, קליינער, שפיין

גרויסע ערפאלג! 100-ער מענשן זענען אוועק פון קאסע נישט בעקומענדיג קיין בילעטען. פרייטאג דעם 1 ד. ח. 8.30 אווענד ווערט געשפילט צום צווייטען מאל דער שלאגער פון אמעריקא די אויסגעצייכנטע פיעסע אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון סעגאל.

די
פערגעסענע מאמע

שבת דעם 2. 4 נ. מ. פון 60 גר. ביז 2 זל ווערט געשפילט די באליבטע פיעסע אין 4 אקטען פון זלאטארעווסקי

די
שטיפמאמע

צום שלוס טרעט אויף מיט נייע טענץ דער באלעטמייסטער ה׳ קליין

פרעמיערע! צום ערשטען מאל אין ראדאם. פרעמיערע!

שבת דעם 2 טען 8.30 אווענד צום ערשטען מאהל אין ראדאם דער לעצטער וועלט-שלאגער, די איבעראל בעוואוסטע פיעסע אין 4 אקטען מיט געזאנג און טענץ פון לובין

בלינד אויס ליבע

זונטאג דעם 3 טען 3 אווענד ווערט געשפילט צום 4 מאהל די באליבטע אפערעטקע אין 3 אקטען

דאס זיסע מיידעל

אין אלע פיעסען טרעט אויף מיט נייע טענץ דער באלעטמייסטער ה׳ קליינער

אכטונג! צוליב די ביליגע פארשטעלונגען ווערט די קאסע פרייטאג און זונטאג זיין אפען 5 נ. מ.

געשעפט׳ס-פיהרער לייכטער.

## BANK KUPIECKI w RADOMIU

Spółdz. z ogr. odp.

plac 3-go maja 5 telef. № 14

Załatwia punktualnie wszelkie operacje bankowe, przyjmuje dokumenty inkasowe do wszelkich miejscowości—za minimalną prowizję. Zainkasowane pieniądze wypłaca w dniu wpływu.

## יעדע ווירטין דארף וויסען,

אז די מאשטש צו פאדלאגעס.

„JAŚNIEJ SŁOŃCA“ גיט צו די פאדלאגעס, מעבעלען און לינאלעאום א שיינע און לאנגדויערדיגען גלאנץ און באוואהרט זיך מיט בעסטען.

„Jaśniej Słońca“

פערטרעט אויל-פארב, פארבט וויסע פאדלאגעס אין כערלויף פון א שעה אויף די פארבען:
מאהאגאניע און טינקעל ארזשעכאווע
פרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען!
בעקומען אין אלע סקלאד-אפטעקען, זייף און פארב געשעפטען.

Fabryka przetworów techno-chemicznych
„MARY“ Warszawa, Dzielna 48, tel. 286-51.

בעליבטן טוכטער פון דער גענ׳אלער דראמאטישער קינסטלערין און שטערען
פון דער יודישער ביהנע

# אסתר רחל קאמינסקא

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

חברים-טרופע אין ראדאם.

# הילף פאר דעם פערניכטעטן פוילישן יודענטום.

### פון סיים-דעפוטאט משה פראסטיג.

מיט יעדען טאג ווערען מיר, פוילישע יודען, ארימער און אונזער עקאנאמישע לאגע איז שוין היינט א קאטאסטראפאלע. גראבסקי איז אוועק, פערבליבען זענען אבער די רעזולטאטען פון זיין פאליטיק: צו פערניכטען דעם האנדעל און דאדורך קודם כל די יודישע בעפעלקערונג אין פוילען. נישט נור מיט זיינע הויכע און אומגערעכט־פערטיילטע שטייערען האט גראבסקי דערגרייכט זיין ציעל, נור אויך מיט זיין שטרעבונג אוועקצונעהמען אלע מעגליכקייטען פון ארבייטען און פערדינען, האט ער צו גרונד געבראכט דעם שטאדטישען מיטעלשטאנד אין לאנד. גראבסקי האט נישט נור מאנאפאליזירט דעם האנדעל מיט ספירט און די פראדוקציע פון ציגארעטלעך און האט בפרט דורך דעם ספירט-מאנאפאל אוועקגענומען די פרנסה ביי טויזענדער יודישע משפחות — נור ער האט אויך מאנאפאליזירט, דאס גאנצע קרעדיט-וועזען אין פוילען און האט דאדורך אבגעשניטען די יודען פון זייער וויכטיגסטער עקאנאמישער גרונדלאגע, — פון קרעדיט.

מיר געהען צוגרונד — דאס פיהלט און זעהט איצט שוין יעדער פון אונז. אויסוואנדערען קענען מיר אלע נישט; אויף שריט און טריט ווערט דער יודישער סוחר און בעל מלאכה באיקאטירט און פערדרענגט. אויב דער ביזאיצטיגער אנטי-יודישער פערדרענגונגס-פראצעס וועט ווייטער אנגעהן מיט דערזעלבער קראפט, ווי ביז איצט, וועט נישט לאנג דויערען, ביז 90 פראצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג וועלען אין פוילען אין גאנצען פערלענדעט ווערען.

וועלען מיר זיך נור פערטיידיגען, דאן וועלען מיר קיינמאל נישט קענען פערבעסערען אונזער טרויעריגער לאגע. מיר מוזען נישט נור פערטיידיגען די בעדראהטע עקאנאמישע פאזיציעס, נור קודם כל מוזען מיר שאפען נייע ארבייט-מעגליכקייט פאר די הונדערט טויזענדער יודישע עקזיסטענצען, וואס זענען אין די לעצטע יאהרען ארויסגעשטויסען געווארען פון זייערעווירטשאפטליכע פאזיציעס.

מענשען וואס ווילען ארבייטען, האבען מיר; אלגעמיינע ווירטשאפטליכע בעדינגונגען פאר זייער ארבייט זענען טראץ אלעמען אין פוילען נאך גענוג פארהאן; אונז פעהלט נור קאפיטאל, וואס זאל אונזער בעפעלקערונג די ארבייט ערמעגליכען.

דעם נויטיגען קאפיטאל וועלען מיר איצט אין לאנד גופא נישט קענען בעקומען. עס מעלדען זיך צו אונז אין דער לעצטער צייט א סך גרופען, וואס ווילען גרינדען נייע קרעדיט געזעלשאפטען און האפען שוין, דאדורך צו פערבעסערען די לאגע אין זייערע שטעדט און שטעדטלעך. זיי פערגעסען אבער, אז איצט איז כמעט נישט מעגליך צוזאמלען אפילו דעם קליינעם נויטיגען גרינדונג-קאפיטאל.

דער ציוניסטישער אויבערראט, האט דעריבער רעכט געהאט, ווען ער האט גערעדט נישט נאר וועגען דער זעלבסט־הילף, נאר הויפטזעכליך אויך וועגען דער פארם פון ווירטשאפטליכער הילף, וועלכע מיר מוזען איצט פרוואוועטען און בעטען ביי אונזערע ברידער אין אויסלאנד.

עס איז די העכסטע צייט, אז אלע עקזיסטירענדיגע יודישע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס, זאלען דאס פערשטעהן און זאלען צוזאמען מיט די פאליטישע יודישע פארטייען טראכטען צו געפונען די נויטיגע גרונדלאגען פאר א איינהייטליכער יודישער ווירטשאפטליכער ארגאניזאציע אין לאנד. אויב די בעלי-מלאכות וועלען געהן בעזונדער און די סוחרים וועלען קלערען נאר וועגען זיך אליין און די יודישע קליינהענדלער וועלען אויך זיך שטעלען אויף ארויין-פראפעסיאנעלער גרונדלאגע, וועלען מיר אין דער נאהענסטער צייט גאר נישט קענען אויפטהון. א בשותפות'דיגער ארגאן מוז געשאפען ווערען, וואס זאל פערטרעטען די היינט אקטועלע פאדערונגען און אינטערעסען פון אלע ווירטשאפטליכע יודישע קרייזען.

לאמיר אויך האפען, אז סיי דער אמעריקאנער „דזשוינט" און סיי די יק"א, וואס האבען שוין אזוי פיעל אויפגעטהון פאר דעם פוילישען יודענטום, וועלען איצט דערהערען אונזער וועה-געשריי און וועלען זיך ענדליך נעהמען צו א ערנסטער און גרויסער הילף-אקציע פאר דעם אזוי טראגיש צו-גרונד-געגאנגענעם פוילישען יודענטום.

# ווי האלטען מיר מיט אונזערע רבנים?*)

בעשערט א מענשען צו ווערען באריהמט. געווען א רב, א דיין, אדער א שטעלפערטרעטער אין ראדאם. קיינער האט איהם נישט געקענט אזוי גוט ווי מען קען נישט הונדערטער אנדערע רבנים, וואס זיצען אויפ'ן שטוהל און גרויסע און קליינע קהלות. אויב אמאל האט א רב געמוזט זיין א שם דבר, די וועלט האט מיט איהם געמוזט קלינגען, אויב א מאל האט ער געמוזט שרייבען שאלות ותשובות, מחבר זיין ספרים, דרשנען, רעדען, איז היינט דער גרעסטער שבח פאר א רב, ווען קיינער ווייס פון איהם נישט, ווען ער זיצט רוהיג אין זיין ווינקעל און טשעפעט קיינעם נישט. עס ווייזט אבער אויס, אז הרב קעסטענבערג געהערט נאך צום אלטען מין רבנות. ער וויל עפּיס אויפטוהן, פיהרען מלחמה, שרייבען שאלות ותשובות, נאר אזוי ווי קיין רבנים ווענדען זיך צו איהם נישט, שרייבט ער זיינע „שאלות ותשובות" צום געריכט, צום מיניסטעריום און ווייזט דארט זיין „יד החזקה", אז ער איז ראוי צו זיין „משנה למלך" אין אז

י. מ. שוויכטזאהן.

# איז אפגרונד

### (א שפאנענדע געשיכטע פון היינטיגער צייט).

בשעת די אינדיאנער מיט די שווארצע האבען צווישען זיך פערביטערט געקעמפפט, כדי צו בעקומען די אדעסער שעהנע מיידלעך, איז מיסטער פיליפ געשטאנען אין מיטען דעם יאריד, אלץ געמיטליך, גארנישט איילענדיג זיך, בעטראכט און בעטאפט פון אלע זייטען און געהארט, ביז אלע זאלען זיך גוט אויסזידלען און איינשטילען זיך.

די שווארצע פנים'ער און די בראנזענע קופער-הויטען האבען זיך איינגעטיילט אין צוויי כתות, צווישען וועלכע מיסטער פיליפ איז געשטאנען ווי א ייאנד פון א פעסטונג, וואס יעדער פון זיי האט עס געוואלט איינגענעהמען און געווינען פאר זיך.

ביידע כחות האבען זיך געריסען און געשארפעט, אויפשטעלענדיג פויסטען איינער צום צווייטען און די מיידלער האבען פליסיג געוואפערט פון קאכעדיגע שוים.

אין די אינדיאניש-קופערנע געזיכטער האט מען גיכער געקענט דערקענען זייער רוגזה, ווייל פון אויפברויז און צארען זענען זייערע פנים'ער נאך גלאנציגער געווארען, ווי מעש, דאגעגען אין דער שווארצער ראסע האט מען דערקענט זייער כעס און צעהיצקייט פון שווייגען, ארויסשטירענדיג די גרויסע ווייסע ציינער, וואס האבען זיך טיף איינגעגעסען און טיף איינגעביסען די גראבע פליישיגע ליפען.

ביי די מיידלעך האבען זיך העגד און פיס געווארפען פאר שרעק. זיי האבען געוואוסט, אז דער גאנצער קאמפף ווערט געפיהרט צוליב זיי. איז זיי ס'בלוט געגרינצעלט געווארען, זעהענדיג פאראויס זייער גורל, אז זיי וועלען ארייינפאלען צו די דאזיגע ווילדע און טיגערישע בעשעפענישען.

זיי האבען זיך געפונען אין דער לאגע פון טויט פערארטיילטע, וואס באלד, באלד ווערט זייער אורטייל אויסגעפיהרט.

סאנא און ליזא'ן האט נאך א שטארקערער, בייסענדיגער געפיהל בעהערשט און זיי האבען זיך אינערליך געגעסען, ווי זשאווער, פארוואס זיי האבען זיך געלאזט אנרעדען און באלד נישט געמאכט א סקאנדאל אויפ'ן שיף, ווען זיי האבען דערזעהן דעם קלענסטען חשד.

# וואס הערט זיך אין קעלץ.

## ערקלערונג פון נ. פ. ר. וועגען זייער ארויסטריט פון שטאָדט—ראַט

אין צוזאַמענהאַנג מיטן אַרויסטריט פון די נ. פ. ר. - אָוצעס פון קעלצער שטאָדט-ראַט, האָט זיך פון דער זעלבער פראַקציע בעוויזען אין גאַס אַנ'אויפרוף, אין וועלכען ס'ווערען אָנגעוויזען די סבות צו זייער אַרויסטריט. צווישען אַנדערעס ווערט ערקלערט, אַז דער שטאָדט-ראַט האָט געשלאָסען אַ אָבמאַך מיט אַ טשענסטאָכאָווער עלעקטריע—געזעלשאַפט אויף פאַטאַלע יסודות געגען זייער ווילען, אַזוי, אַז די קעלצער איינוואָהנער וועלען ווערען צו-פיעל עקספּלואַטירט פאַר בענוצען עלעקטרישע קראַפט. די צווייטע אורזאַך איז, וואָס דער אָנגענומענער פאָרשלאַג דורכ'ן שטאָדט-ראַט אַ דאַנק דעם דרוק פון נ. פ. ר. וועגען נעמען אַנ'הלואה פון דער אמעריקאַנער געזעלשאַפט „אולען עט קאָמפּ." פון 1,700,000 דאָלאַר אויף קאַנאַליזירען די שטאָדט קעלץ און אויפבויען אַ שחט-הויז און נייע האַלעס - איז נישט פערווירקליכט געוואָרען. נאָך קריטיקירען די נ. פ. ר., אַז דער שטאָדט-ראַט האָט צווישען אַנדערע וויכטיגע אויסגאַבען בעשלאָסען אַלס אויסגאַבען אויף דעם יאָהר 1925:

אויף אַלגעמיינע קולטורעלע צוועקען א יאָהר 700 זלאָטעס, און אויף געהאַלט פאַר די לאַווניקעס 11,400 זל. אויף אַ קאַמפּף מיט אַנשטעקענדע קראַנקהייטען 120 זל. און אויף רעפּרעזענטאַנץ פון פּרעזעס פון שטאָדט-ראַט 2,000 זל.

נישט זעהענדיג קיין אויסגאַנג ציילענדיג געזונד צו מאַכען דעם שטאָדט-ראַט און מאַגיסטראַט, נישט האָבענדיג קיין זיכערהייט, אַז דער היינטיגער צוזאַמענשטעל פון שטאָדט-ראַט זאָל קאָנען ערפיהלען אַלע אויפגאַבען, זענען זיי געצווינגען געוועזען אוועקצולעגען זייערע מאַנדאַטען און זעהען נור אַ אויסגאַנג אין אויפלעזען דעם שטאָדט-ראַט און בעשטימען נייע וואַהלען.

## די קרייז-קאָנפערענץ פון „קרן קימת לישראל" אין קעלץ.

זונטאַג 6 אַ זייגער נ. מ. איז די קאָנפערענץ געעפענט געוואָרען דורך דעם אָרטיגען מורשה ה' ש. א בורשטין, וועלכער שטעלט זיך אָב אויף דער טעטיגקייט פון שטאָדטישען קאָמיטעט פון יודישען נאַציאָנאַל-פאָנד

פון וואַרשאָ זענען צו דער קאָנפערענץ געקומען די ה"ה: פּראָפ. ביינ"ש און מאַלקין. דעלעגאַטען זענען געוועזען עטליכע צוואַנציג.

בעגריסט האָבען: אין נאָמען פון דער קעלצער יודישער קהלה ה' א. ר. מאָשקאָוויץ, „מזרחי" ה' ראָזענבלום, „פּועלי ציון" ה' קירשענבוים, „בנות ציון" פרוי רייזמאַן, „החלוץ הכללי" ה' דרעווניאַני, „צעירי מזרחי" ה' באַראַנקאָוויץ, „הנוער הציוני" ה' מאַרמונד, „קרן היסוד" ה' לעמבערג און און „סוחרים-פעראיין ה' דוד ראָזענבערג.

דאָס וואָרט בעקומט דער פּראָפ. ביינ"ש, וועלכער האָלט אַ לענגערען רעפעראַט וועגען די אויפגאַבען פון נאַציאָנאַל-פאָנד. ה' מאַלקין רעדט וועגען ארץ ישראל. ס'ווערט אויסגעוועהלט אַ פּרעזידיום, אין וועלכען ס'גערן אַריין ה"ה מאַלין (וואַרשאַ) סעקרעטאַר ה' אַלטער (דזשאַלאָשיץ)

ביי אַ געהויבענער און פייערליכער שטימונג האָלט דער ה' מאַלקין די שלוס-רעדע, וועלכע מאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק אויף די אַנוועזענדע. אינטערעסאַנט איז, דאָס אין פערלויף פון דער קאָנפערענץ איז דער זאַל געוועזען געפּאַקט פון נייגעריגע צושויער.

צעהן אַ זייגער אויף דער נאַכט איז אין ווינער זאַל פאָרגעקומען א פייערליכער באַנקעט, אויף וועלכען עס איז געוועזען אַנוועזענד די חברים ד. מאַלקין און פּראָפ. ביינ"ש, ווי אויך די דעלעגאַטען פון דער קעלצער אומגעגענד און איינגעלאַדענע געסט, אַלס פּרעזעס פון באַנקעט איז אויסגעוועהלט געוואָרען דער היגער ד"ר יעקב שאַץ. דער עולם האָט זעהר גוט פערבראַכט, די היגע שומרים וועלכע זענען אויך געווען פערבעטען האָבען געמאַנצט און געזונגען ציוניסטישע לידער.

עס איז אויך געהאַלטען געוואָרען פערשידענע טאָסטען, און יעדער האָט געווינשען נאָר דעם אויפבוי פונ'ם נייען ארץ-ישראל.

ערשט דריי א זייגער ביי נאַכט איז זיך דער גאַנצער עולם אונטער א געהויבענער שטימונג פונאַנדערגעגאַנגען.

## אַ הייסער מיטינג

מיט אַ צייט צוריק האָט דער אויפזיכטס-ראַט פון יודישען גימנאַזיום זיך געווענדעט צו דער קהלה אריינצושטעלען אין בודזשעט פון יאָהר 1926 א סומע פון 26,000 זל, אַלס סובסידיום פאַר'ן גימנאַזיום. די סומע דאַרף דעקען דעם דעפיציט, וועלכער איז אויף דעם יאָהר פאָראויסגעזעהן.

די קהלה האָט נאָך ביז יעצט די זאַך נישט בעטראַכט און צוליב דעם, איז שבת דעם 26/12 פאָרגעקומען אַ מיטינג אויף וועלכען די ה"ה ד"ר פעלץ און דוד ראָזענבערג האָבען פאָרגעשטעלט די טרויעריגע לאַגע, אין וועלכע דאָס יודישע גימנאַזיום געפינט זיך.

די דיסקוסיע וועלכע האָט זיך ענטוויקעלט, איז געוועזען זעהר א הייסע און עס האָט נישט געפעהלט קיין פערזענליכע אַנגריפען, וועלכע זענען א רעזולטאַט פון אַ לאַנגען קאַמף, וועלכער ווערט אויפן היגען באָדען געפיהרט זייט אַ לענגערע צייט אין דער דאָקטוירים משפחה.

ענדליך איז געלונגען דעם פאָרזיצענדער ה' ערליך, וועלכער האָט אָגב אַ ביסעל צו שטרענג געפיהרט די פערזאַמלונג, צו שטעלען צו דער אָבשטימונג אַ רעזאָלוציע לויט וועלכע די פערזאַמעלטע ווענדען זיך צו דער קהלה נישט צו לאָזען פאַלען דעם איינציגען יודישען קולטורעלען בנין אין קעלץ און סובסידירען איהם מיט אַ סומע פון 26 000 זלאָטעס.

## א יוד שאַך-מייסטער פון קעלץ.

לויט דער איניציאַטיוו פון די בעזוכער קעלצער שאַך שפּילער ה"ה פאַול רייזמאַן אין פּאַפּיעווסקי, איז פרייטאַג, שבת און זונטאַג פאָרגעקומען אין לאָקאַל פון ה' קאהל א שאַך טורניער וועגען מייסטערשאַפט פון דער שטאָדט קעלץ, אין וועלכען ס'האָבען אנטהייל גענומען 5 אידען און 5 קריסטען.

אינטערעסאַנט איז געוועזען די דעצידירענדע פּאַרטיע צווישען די 2 קאַנדידאַטען וועגען מייסטערשאַפט: ה"ה יעקב זיידע (געוועזענער מייסטער) און סאַלאָמאָן קאַהאַנע, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט א זיעג לטובת דעם ה' קאַהאַנע און אַזוי אַרום בעקומען דעם טיטעל „מייסטער פון דער שטאָדט קעלץ".

דעם ערשטען פּריז האָט בעקומען דער ה' סאַלאָמאָן קאַהאַנע אַלס מייסטער און דעם 2-טען דער ה' זיידע.

## ציוניסטישע יוגענד אָרג. ביי די ציוניסט. אָרג. אין קעלץ.

שבת דעם 26/12 ד. י. 4 א זייגער נ. מ. איז פאָרגעקומען אין אייגענעם לאָקאַל א פאָרלעזונג פון ג. ה. א. ניסענקאָרן א. ד. ט. „די בעדייטונג און די אויפגאַבען פון קרן קימת און קרן היסוד".

די פאָרלעזונג האָט אַרויסגערופען א גרויס פּראַאינטערעסירונג ביי די חברים און חברות.

ס'זענען געוועזען אַנוועזענד כמעט אַלע מיטג. פון דער אָרג. אין די פאָרלעזונג האָט אַרויס גערופען אַ גרויס צופרידענהייט.

KINO
„Phenomen"
Kielce

Dziś i dni następnych!
MACISTE IMPERATOR
Wspaniały dramat polityczny w 8-miu wielkich aktach.
W rolach głównych: Maciste, Sangro, Saetta
słynni z głośnego „Quo Vadis"

Zakontraktowano:
IWONKA
ze Smosarską,
Węgrzynem i Frenklem.

Z intencji zaręczyn mojej kuzynki **Celi Rozenówny** z p. **Aronem Edelsztajnem** życzę im, aby gwiazda szczęścia sprzyjała im wiecznie.

**Abram Zylberberg.**

צו דער פערלאָבונג פון אונזער קוזינקע פר'ל **צביה'לע ראָזען** מיט ה' **אהרן עדעלשטיין** ווינשען מיר זיי א גליקליכע צוקונפט. זאָל זייער גייער לעבענ'ס וועג לויכטען ווי דער פריהמארגען-שיין אין פריהלינג.

**פאמיליע זילבערבערג**

Towarzystwo Ubezpieczeń **„ZJEDNOCZENIE“**

Sp. Akc.

**Dyrekcja w Warszawie ul. Aleje Ujazdowskie № 47 tel. 275—00, 306—49.**

*Przyjmuje ubezpieczenia od ognia i kradzieży*

Wszelkich informacji w powyższych sprawach udziela **Generalna Reprezentacja w Radomiu u p. Jakóba Hellera**

Jednocześnie nadmieniamy, że niezależnie od naszej bezpośredniej odpowiedzialności za wszystkie biegnące ubezpieczenia ponoszą również odpowiedzialność niżej wymienione zagraniczne Towarzystwa Reasekuracyjne, które są między innemi największemi i najsilniejszemi Towarzystwami Ubezpieczeń w Europie:

1) „Münchner Rickversicherung“ Monachium 2) „Prudentia“ Zurich 3) „Basler Rickversicherung“ Basel 4) „Great Western Chikago“ Zurich 5) „Skandinavia“ Kopenhagen 6) „Russisl Skandinavia“ Kopenhagen.

**Teatr POLSKI w Kielcach.**

**Zrzeszenie Artystów pod dyrekcją Jerzego Siekierzyńskiego.**

**PROGRAM NOWOROCZNY**

W piątek dn. 1 stycznia 1926 r. o godz. 4-ej po poł.

**Chata za wsią** sztuka ze śpiewami i tańcami w 5 aktach.

W piątek 1-go i w sobotę 2-go stycznia o godz. 8-ej wiecz.

**PREMJERA bezustanny śmiech PREMIERA**

**POTASZ i PERELMUTER**

Amerykańska pełna humoru farsa w 3 aktach Glassa.

W niedzielę 3 Stycznia o godz. 4-ej po poł. i 8-ej wiecz.

**PREMIERA Dawno oczekiwana PREMIERA**

**CZARTOWSKA ŁAWA**

Dramat ludowy ze śpiewami i tańcami w 4 aktach Galasiewicza. Nowa wystawa. Orkiestra do śpiewu i tańca 2-go p. p. Legjon. Ceny miejsc na wszystkie przedstawienia od 50 gr. do 2.50.

**אידישע פרייליינס.**

פון 18 ביז 30 יאָר וואס ווילען פוהן שדוכים מיט יונגעליט פון ארץ-ישראל. פריילינס סיי רייך—סיי אָרעם פון יעדער שטאַנד, קאָנען איהר טוהען גליקליכע שדוכים איינשיקענדיג איער פאָטאָגראַפיע מיט א קורצען אינהאַלט פון אייער לעבען און אריינלעגען אין בריעף 3 זלאָטעס אויף פאָסט שפּעזען. פ. ס. די פאָטאָגראַפיע און א. ז. ח. האלטען מיר אלעס שטרענג בסוד.

ג י ט ע א ד ר ע ס י ר ע ן

**Palestine Information Express Tel-Aviv (Palestine) P. O. B. 791**

**אידען וואס ווילען פאהרען נאך ארץ-ישראל.**

ווען איהר ווילט וויסען וואָס עס טוהט זיך אין ארץ-ישראל ב ו נ ג ע פ ר נ ס ה זאָלט איהר פריער אנפרעגען ביי אונזער ביורא ווי עס זענען פאראן און אלע אנשטאלטען פון לאַנד בעווייזטע פאַבּמענער און אלע בראַנזשען. מיר זוכען א יך אויף בעקאנטע און גוטע פריינד אין גאנצען לאַנד. ביים בעלייגען אין בריעף מיט 3 זלאָטעס אויף פאסט-שפעזען גיבען מיר פערשידענע עצות.

**Palestine Information Expres Tel-Aviv (Palestine) P. O. B. 791.**

אכטונג! בריעף ביטע דייטליך צו שרייבען. די אדרעסען נאר מיט טינט.

Niniejszym podaję do wiadomości, Sz. Publiczności m. Radomia, że po kilkoletniej praktyce otworzyłam

**GABINET LEKARSKO-DENTYSTYCZNY**

*w Radomiu Rynek № 17*

i przyjmuje pacjentów od godz. **9—2** i od **4—7**

**Ceny przystępne. Ceny przystępne**

Lekarz Dentysta

**SZ. BAKOWEN.**

אונזער סעק-רעטאר דער ה' **ישראל ליבערמאן** צו זיין חתונה מיט פרל' **רבקה'לע סאמעט** (סקארשעוו) ווינשען מיר מזל טוב און א גליקליכע רייזע צו זייער אַבפאָהרען קיין אמעריקא.

**האנדווערקער-קלוב** אין **סקארשעוו.**

**Kino „CORSO“ w Radomiu.**

היינט און יעדען טאָג דאָס בצריהמטע מייסטער — ווערק

**KRÓL DJAMENTÓW.**

*Kino „ODEON“ w Radomiu.*

Od 31-go do 3-go stycznia 1926

**GOLCY i SKARBY**

w roli głównej **Pat i Patachon**

Od poniedziałku

*ZŁOTE ŁOŻE*

*Niniejszym mamy zaszczyt podać do wiadomości, że po powrocie z Warszawy, otworzyliśmi* **PRACOWNIĘ**

**Sukień i kostjumów**

Leontyna Haftarczykowa

Gustawa Zylberszlag

Radom, **Moniuszki** (Kościelna) **№ 6** miesz. **5**

*Kino „CZARY“* w Radomiu.

**10 aktów**

**„NIBELUNGI“**

**Najmonumentalniejszy film świata.**

Redaktor i Wydawca CH. M. HERC

Odbito we własnej drukarni Radom, Szwarlikowska № 20.